UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Fartseykhenungen/ Notes

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9ds7c18p

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

## Author
Jacob Friedman, Yankl Fridman/

## Publication Date
1981

## Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יאַנקל פרידמאַן

# פאַרצייכענונגען

## לשנה הבאה בירושלים

יענעם שבת פאַרנאַכט איז אינעם גרויסן זאַל פון יידישן צענטער אויף אָלימפּיק בולוואַר געווען באַזונדערס פּאַראַדנע. די מערצאָל ווייס־באַדעקטע טישן מיט בלומען אויף זיי, האָבן צוגעזאָגט, אַז מען ריכט זיך אויף אַן עולם חשובע געסט. הגם דער זאַל איז נאָך געווען טונקל, ס'איז נאָך צו פרי אין שבת געווען פאַר ליכט, האָט מען דאָך שוין געשפּירט אַ יום־טוב־שטימונג. רירעוודיקע, רוסיש־ריידנדיקע, פאַרוויטלטע יונגע פרויען, האָבן געגרייט די טישן, צעשטעלט טעלער, פלעשער ווייַן און כוסות. מען האָט געגרייט אַ דריטן סדר פאַר די רוסיש־יידישע אימיגראַנטן אין לאָס אַנדזשעלעס.

ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די לאָמפּן, מענטשן האָבן זיך גענומען ווייזן, מערסטע מיטליאָריקע און גאָר יונגע פּאָרלעך מיט קינדער און אפילו מיט עופּהלעך. אַ קליינע צאָל איינציקע עלטערע לייט, אַלע אין יום־טוב קליידער, שטאַלטנע, מיט פאַרנעמער נאַטירלעכער רואיקייט, טייל האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים אָנקום פאַרחידושטע פונעם הערלעכן אויסזען פון זאַל. געלאַסן האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום די טישן און געוואַרט אויפן רוסישן רב נפתלי, וועלכער איז געקומען אַהער פון מאָסקווע מיט עטלעכע יאָר צוריק. ער האָט זיך פאַרזאַמט צוליבן פאַרצויגענעם שבת, איז דער עולם געזעסן און געמיטלעך צווישן זיך געשמועסט אין רוסיש. מען האָט געקאָנט מערקן, אַז כאָטש זיי קומען אַלע פון סאָוועטן לאַנד, פאַרבונדן מיט איין גורל, איז מען דאָך ניט אַזוי אויפגעטראָגן צווישן זיך ווי מיר היגע, ווען מען קומט זיך צוזאַמען אויף אַ שמחה. אויף דעם האָט מיר באַשייד אַ טשערנאָוויצער פריינד, מען האָט זיך באַקענט ערשט אין וועג, זאָגט ער, און דאָ האָט יעדער זיין אייגן קנופּ אויפצופלאָנטערן. ס'וועט בעסער ווערן מיט דער צייט, טרייסט ער מיר

לעבן מיר און מיין פריידלען האָט זיך צוגעזעצט אַן עלטערער רוסישער ייד. אויף מיין שאלה, פאַרוואָס איינער אַליין? האָט ער נאָך אַ פויזע דערציילט אין אַן אדעסער חנעוודיקן יידיש, אַז אויך זיין זון מיט זיין פרוי און קינד זיינען דאָ פאַראַן, נאָר ער האָט געזען צוויי היגע יידן ריידן יידיש איז ער צוגעקומען, און מיר האָבן זיך צערעדט. ער איז אַלט 73 יאָר, און געאַרבעט דאָרט ביי פלאַסטעריי ביזן אָנגעבן אַן אַפּליקאַציע אַרויסצופאָרן מיט אַ יאָר צוריק, און אָנגעגעבן האָט ער ווייל דער זון איז צוגעשטאַנען ער זאָל מיטפאָרן. איצט ווייסט ער די פריטשינע (סיבה): עלטערע באַקומען הי פּענסיע ביים אָנקומען, יונגע — ניט. פון דעם האָט דער זון געוווסט. דאָ וווינט ער מיטן זון, ווייל די פּענסיע העלפט אַרויס, און ס'איז ניט גוט צו וווינען מיט קינדער, זאָגט ער. אים מוטשעט אויך דער סאָוועסט (געוויסן) וואָס ער האָט געלאָזט זיין צווייטע ניט־יידישע פרוי, זי האָט ניט געוואָלט מיטפאָרן.

ס'איז אָנגעקומען דער רב נפתלי, אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד אין אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, באַגלייט מיט נאָך אַ חסידישן יונגנמאַן, און דריי יינגעלעך מיט געקרייזטע פאהלעך, האָבן זיי אויף דער בינע אויסגעזונגען הגדה פסוקים. כ'האָב אָבסערווירט די היפּשע עדה רוסישע יידן. פאַר זיי אויף די טישן זיינען געלעגן הגדות אין רוסיש. קיינער האָט אין זיי ניט אַריינגעקוקט, ניט מיטגעמורמלט אפילו די פּאָפּולערע פסח־ניגונים, אָבער מיט נייגער אויסגעהערט דאָס געזאַנג פון דער בינע.

נאָכן מאָלצייט האָט ר' נפתלי גערעדט מיט פּאַטאָס אין רוסיש וועגן יציאת מצרים און יציאת רוסלאַנד, און דערנאָך מיט די יינגלעך זיך התלהבותדיק צעזונגען „חבד־מעסיק", פּאַטשנדיק מיט די הענט: „לשנה הבאה בירושלים"! לשנה הבאה בירושלים — שעפּטשעט צו מיר אונדזער אָדעסער שכן — וואָס באַלטאַיעט

(פלאַפּלט) ער ירושלים, ירושלים? ער האָט דאָך אַהין ניט געוואָלט פאָרן און איז געקומען קיין אַמעריקע.

ווען דער רב נפתלי איז שפּעטער אונדז פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך אים אויף טשיקאַוועס געפרעגט: — ס'טייטש, רבי, לשנה הבאה בירושלים זינגט איר, און פאָרן פאָרט מען גאָר קיין אַמעריקע?

— ניט די איצטיקע ירושלים מיינען מיר, די אַנדערע, ווען משיח וועט קומען — האָט ער מיר געענטפערט פּראָסט און פּשוט אויף יידיש. און אונדזער אדעסער שכן האָט געשמייכלט...

## דער למד-וואָווניק

פלאַמער פּאַרק, אונדזער היגער מקום ווו פּענסיאָנירטע יידן פאַרברענגען זייערע טעג אין וואַרעמער ליכטיקייט, איז לעצטנס דערפרישט געוואָרן מיט יוגנט, מיט קינדערשע קולות און פריילעך געלעכטער. אַ נייע מונטערקייט הערשט אין פּאַרק זינט דעם אָנקומען פון יונגע רוסישע יידן, וואָס וווינען דאָ אַרום. אַ נייעס איז אויך צו זען אַ רוסישן אימיגראַנט מיט אַ קאַרזינקע (קוישל) אין פּאַרק, וואָס זוכט צו פאַרקויפן צו אונדזערע באַבעס קאָסמעטיקס, רוזש, ליפּסטיק, פּאַרפיום. און מ'גיט אים צו לייזן, מער אויס איינזעעניש. נאָר פיינלעך איז צו זען אַז מיין שאַך-פּאַרטנער, מר. גאָלד, פירט שוין זיין ווייב אום אין אַ וועגעלע. זי איז נאָך אין די מיטעלע יאָרן, געווען שטאַרק פּאָפּולער אין פּאַרק, אַ פריילעכע געווען, אַ זינגערין, איז זי מיט אַמאָל קראַנק געוואָרן אויפן רוקנביין. נאָך אַ לאַנגער קוראַציע האָט זי מר. גאָלד אַרומגעפירט אין פּאַרק אונטערן אָרעם. אַלץ הייסט געפירט, ער האָט זי כמעט אויף די הענט געטראָגן, פלעגן פרויען שאָקלען מיט די קעפּ און אים בענטשן דערפאַר. איצט איז זי אַזוי שלאַף, אַז ער פירט זי אין אַ וועגעלע. מ'דערציילט, אַז עסן קאָן זי אויך מער ניט אַליין. ער קאָרמעט איר.

איין מאָל זע איך, ווי אַ רוסיש-יידישע אימיגראַנטין פירט אַרום מרס. גאָלד. פרעג איך: ווו איז מר. גאָלד? — אין שפּיטאָל — ענטפערט די פרוי — אַ האַרץ-אַטאַקע. — און ווער קאָרמעט איר? דערציילט זי, אַז דאָס טוט מען אין אַ שול אויף מעלראָוז עוו., מיטאָג צייט. בין איך דאָרט צומאַרגנס געווען און זע ווי אין אַ גרויסן ליכטיקן זאַל זיצן אַרום קיילעכדיקע טישן עלטערע מיטאָג-עסער, און ביי איין טיש איז איינגעקנאָרעט מרס. גאָלד אין איר וועגעלע, און איינער אַ ייד דערלאַנגט איר דאָס שיסעלע זופּ, דעם טעלער שפּייז צום מויל, און קאָרמעט איר ווי אַ קינד. און ווען ער ווערט פאַרטיק מיט איר, טוט ער ס'אייגענע צו אַן אַנדער אומבאַהאָלפענעם, און ערשט דערנאָך עסט ער זיין אייגענע פּאָרציע, וואָס איז שוין אַוודאי אויסגעקילט.

שפּעטער, דערציילט מיר דער קראַנקער, אַז ער איז פון סקערנעוויץ, קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון אוישוויץ, און ערשט דאָ אין אַמעריקע איז אים באַפאַלן אַ ביטערע פאַרקריפּלטע חולאת אין די הענט. — און ווער איז דער ייד וואָס העלפט אייך? — אַ — זאָגט ער — ער איז ניט סתם אַ ייד, ער איז אַ למד-וואָווניק, אַליין אַ גראַטעוועטער פון דאַכאַו, אַן אונגאַרישער.

ס'איז מיר אַנטקעגן-געקומען מיין טאַטנס אַמאָליקע אגדה צו אונדז קינדער, אַז 36 (ל"ו) פאַרבאָרגענע צדיקים גייען אום אויף דער וועלט. אַ למד-וואָווניק מעג זיין אַ וואַסער-טרעגער, אַ דאָרפסגייער. ער איז אַ צדיק וואָס העלפט יענעם אין נויט. אויף זיי, האָט דער טאַטע געזאָגט, שטייט די וועלט. דער אונגאַרישער ייד., וועמען דער אַשמדאַי האָט ניט געקאָנט אומברענגען אין דאַכאַו, איז אפשר איינער פון זיי.

* * *

## אייגנאַרטיקע יידן

(פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט)

היי-יאָר פייערט אונדזער שטאָט איר 200-יאָריקן יובל. ס'איז אויך אַ קיילעכדיקע דאַטע זינט ס'האָט זיך דאָ באַזעצט דער ערשטער ייד, דזשאָזעף ביומאַרק, וועלכער איז געקומען אַהער פון דייטשלאַנד אינעם באַרימטן „גאָלד ראַש". ער איז גלייך געוואָרן אַ היגער תושב, איינגעשטעלט ביי זיך אין הויז אַ יידישע

„בענעוואָלענט סאָסייעטי" און אויך דעם ערשטן מנין אין שטאָט פאַר די ימים נוראים. וועט מען אַוודאי מער פּרטימדיק דערציילן וועגן יענער תקופה, נאָר איך האָב אין זינען בלויז צו דערמאָנען עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן פון צוויי חשובע יידן פון אונדזער צייט.

## דער אין יידיש פאַרליבטער אַדוואָקאַט

מען שטויסט זיך אַוודאי אָן, אַז איך האָב דאָ אין זינען דעם פאַרשטאָרבענעם אַדוואָקאַט חיים שאַפּיראָ. ער איז אַהער געקומען אין יאָר 1908, אַן 21־יאָריקער בחור פון קרעמענטשוק־כאַרקאָוו, מיט גימנאַזיע בילדונג און סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין. פיר יאָר שפּעטער האָט ער גראַדואירט פון דעם היגן אוניווערסיטעט אַלס אַדוואָקאַט. נאָך אין זיינע סטודענטיאָרן באַטייליקט זיך שאַפּיראָ פלייסיק אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע ענינים, ווערט אַקטיוו אין ערשטן אַרבעטער רינג צווייג אין שטאָט און ווען אין 1912 האָט דער אַרבעטער רינג פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג אין יידישן סטאָליאַר־לאָקאַל צו גרינדן אַ סאַניטאַריום פאַר טובערקולאָזקראַנקע, איז חיים שאַפּיראָ געווען דער הויפּט־רעדנער און אַפּיל־מאַכער אויף דער פאַרזאַמלונג. קראַנקע יידישע אַרבעטער פון ניו־יאָרק פלעגן קומען אַהער זיך היילן אין וואַרעמען קלימאַט אָבער די פּאָליציי־מאַכט פלעגט זיי פאַרפאָלגן און גלייך זיי צוריקשיקן כדי זיי זאָלן דאָ נישט פאַלן צו לאַסט.

היינט איז פון דעם אַלטן פאָלקס־סאַניטאַריום געוואָרן דער וועלט־באַרימטער הייל־אַנשטאַלט „סיטי אָוו האָופּ", די שטאָט פון האָפענונג. דאָס איז זיין ירושה, זיין בייטראָג פאַר אַ בעסערע געזעלשאַפט אין לאָס אַנדזשעלעס.

ווי אַן אַדוואָקאַט איז חיים שאַפּיראָ אָפט געקומען אין אַלע געריכטן וווּ מען האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן אַרבעטער און געקריוודעטע פון דער שטאָטישער אָרעמשאַפט, און גאָר אָפט בחינם. טשיקאַווע איז געווען זיין פאַרלאַנג אַז אין די געריכטן זאָל מען אים אַדרעסירן מיט זיין יידישן נאָמען, חיים. און ווען אין 1912 האָט מען דאָ געגרינדעט די ערשטע יידישע קינדער־שול מיטן לאָזונג „די יידישע יוגנט פאַרן יידישן פאָלק" איז שאַפּיראָ גלייך צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט און געוואָרן אַקטיוו אין דער שול־פאַרוואַלטונג. און ווען מען האָט געגרינדעט די ערשטע טעאַטער־גרופּע איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיאָרן. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו דינען זיין פאָלק.

אין 1933 איז חיים שאַפּיראָ געווען אויפן סאָציאַליסטישן וואַלצעטל צוזאַמען מיטן באַוווסטן אַמעריקאַנעם שרייבער אַפּטאָן סינקלעיר, וועלכער איז געלאָפן פאַר גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע. שפּעטער, ביי דער אַרבעט פאַר דער הסתדרות און פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז ער געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטער.

ער איז געשטאָרבן אין יאַנואַר 1966.

## דער פרומער חסיד פון יידישן בוך

ווען אַ ספר איז ביי אונדז פון טיש אַרונטערגעפאַלן, האָט מען אים געדאַרפט אויפהייבן און אַ קוש טאָן. נתן אַזאָלין, דער פאַרליבטער שומר פון דער ביבליאָטעק אין יידישן קולטור־קלוב אויף מאָנראָ גאַס, האָט אין זיין אוקראַינער שטעטל יינגלוויז, אַזאַ ספר אַוודאי מער ווי איין מאָל אַ קוש געטאָן. זיין יראת הכבוד פאַר יידישע אותיות, פאַרן יידישן בוך, איז געווען אין לשער.

ער איז געקומען אַהער פון דעטראָיט, אַ סטאָליער־אַרבעטער, אַ הויכער, קרעפּטיקער, אַביסל אַ זייטיקער און באַקאַנט מיט דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. ס'איז געווען אַ נחת צו זען ווי ער היט דעם איינבינד פון אַ יידיש ספר, ווי ער בלאָזט אַוועק אַ שטויבעלע פון אַ בוך. ווי ער ווייסט גענוי ווו אַ באַשטימטער בוך שטייט אויף די געפּאַקטע ענגע פּאָליצעס ביז דער סטעליע און אין די פולע שאַפעס; ווי ער געדענקט עס — שוין אויף דער טיפער עלטער — וועלכן בוך פלוני בן פלוני האָט אַרויסגענומען. כ'האָב אים אַמאָל געפרעגט אין אַ שפּאַס